# בהדין עירובא יהא שרא לנא לאפוקי ולעיולי

בס"ד, שבט תש"ס לפ"ק

## עירוב או ערבוביא ?

פון דעם עש"ק פ' שמות, זענען במשך די לעצטע צוויי וואכן פארשפרייט געווארן פלאקאטן, סיי אין די גאסן און סיי אין צייטונגען, מיט פרישע חתימות שונות ומשונות מיט א גרויסע ערבוביא. אן ערבוביא נישט אין הלכות עירובין, נאר אין הלכות "דיעות". כדי אז אונזערע חשוב'ע בארא פארק'ער איינוואוינער זאלן נישט אינגאנצן צוטומלט ווערן. דערפאר וואלט וויכטיג געווען צו מאכן א שטיקל סדר, סיי אין דעם פארפלאנטעטן "גילוי דעת" און סיי אין א טייל פון די מגלי הדעת.

ליידער איז נתברר געווארן, אז לפחות ביי א חלק פון די אנפירער מצד האוסרים, האנדעלט זיך דא גאר נישט פון א "מחלוקת לשם שמים" - א מחלוקת בהלכה כדרכה של תורה, נאר א מחלוקת פון פאליטיק, כבוד ונצחון. דער קרבן פון די מחלוקת'ן איז ליידער, נישט מער און נישט ווייניגער, נאר דער חשוב'ער ציבור הקדוש דבארא פארק, דער גרעסטע חרדישע ציבור יודען אין חוץ לארץ, וואס איז אינגאנצן מבולבל. פון איין זייט הערן זיי אז דער ענין פון אן עירוב איז א מצוה וואס חז"ל האבן מתקן געווען, וואס ווערט דערמאנט להלכה אין שולחן ערוך. פון דער אנדערע זייט הערן זיי אז ס'איז גאר אן עבירה. און אין דעם טעם פון די "עבירה" גופא ווערן אויך געהערט חילוקי דיעות. טייל פון די אוסרים זענען מחמיר מצד חילול שבת, ווייל לדעת אביהם זצ"ל האט ברוקלין (געהאט) א דין פון רשות הרבים, דערפאר העלפט נישט קיין עירוב (חאטש היינט האבן מיר א קלארן פסק הלכה פון א פוסק מובהק בשכונתינו, מעמודי ההוראה בדורינו ה"ה הגה"צ מוהר"י ראטה שליט"א, וואס האט מברר געווען אז וויבאלד ס'איז שוין היינט פארהאנען ג' מחיצות כדת וכדין ארום ברוקלין, זענען זיי מבטל דעם דין רה"ר אף לדעת הגאון בעל אג"מ זצ"ל). טייל פון זיי האבן קיינמאל נישט געהאלטן אז ס'איז א רה"ר, דעסטוועגן זענען זיי חושש אז דער עירוב וועט חלילה ברענגען צו פירצות אין חומת הצניעות ח"ו. און טייל פשוט ווייל מ'האט זיך מיט זיי נישט דורך גערעדט פריער. בקיצור עס האנדלט זיך דא פון א קאמפלעצירטן "גילוי דעת" מיט א געמיינזאמע ערבוביא פון פארשידענע דיעות, און פון "בעלי דיעות שונות ומשונות" אריין צו ווארפן "ספיקות" ביים ציבור. אבער דער צו השעה פאדערט מ'זאל מאכן א שטיקל "סדר" דבור דבור על אופנו, ווייל נאר אזוי קען מקויים ווערן דער "אין שמחה כהתרת הספיקות".

## 4 קשיות

כנהוג ווען מ'זעצט זיך פראווען א "סדר", ווערט געפרעגט 4 קשיות.

די ערשטע קשיא איז, וואס איז פארענדערט געווארן דער דאזיגער לעצטער "גילוי דעת" פון די פריערדיגער "דעת תורה", וואס פעלן היבשע חתימות פון רבנים וואס האבן דאן געחתמ'עט, און יעצט נישט?

די צוויטע קשיא איז, פארוואס אין דעם נייעם "גילוי דעת" ווערט נישט דערמאנט א לשון של "איסור" ווי אין די ערשטע "דעת תורה", נאר עפיס א שוואך לשון של "בקשה" לכל הסרים למשמעותינו מ'זאל נישט מטלטל צו זיין. מאי האי?

די דריטע קשיא איז, וואס פאר א שייכות האט אן עירוב פון צורת הפתח מיט אן עירוב פון צמר ופשתים. דהיינו, ווי אזוי קען (אפילו) פאפיר, סובל זיין אזא מין שעטנז פון חתימות רבנים ודומ"צין צוזאמען מיט דאקטאר רבינערס, קאלעדז סטודענטן וכיו"ב, וואס זייערע דיעות זענען אזוי מנוגד זה מזה, ווי למשל צווישן די חתימות אויף דעם דאזיגן "גילוי דעת" געפונען זיך רבני בתי כנסיות וואס ביי זיי זאגט מען הלל אין ה' אייר, דער יום העצמאות פון מדינת הציונים? און אזא מין פלאקאט ווערט נאך געדרוקט אין "דער איד"? ולא עוד, מיר האבן זיך דערלעבט אז דער אזויגערופענער חרדישער אומפארטייאישער "די צייטונג" האט זיי נאך באקרוינט מיט'ן טיטל "גדולי ישראל פון די גרעסטע קהילות..."

די פערטע קשיא איז אויף דער כלאים פון חתימות פון הרבנים למשפחת פיינשטיין צוזאמען מיט דיינים ומו"צין פון די סאטמארע קרייזן, וואס זיי האבן אזוי שטארק מצער ומבזה געווען זייער גרויסן טאטן דער גאון הדור זצ"ל, עד דמעות כידוע, ומאידך גיסא דער גרויסער צער עד דכדוכה של נפש וואס דער סאטמאר רב זצ"ל האט געהאט מכמה פסקי האג"מ כידוע. פרעגט זיך די קשיא פון אלע קשיות, איז טאקע דער מכשול העירוב אזוי נורא'דיג גרויס, אזביידע אנגעווייטיגטע צדדים זאלן גיין צוזאמען יד ביד מיט אט די שותפות'דיגע מטרה, וואס איז מקדש אלע אמצעים?

וכאן הבן שואל, וואס פאר א פנים האט א גילוי דעת מיט היבשע חתימות פון בנים וחתנים? ווייסן זיי דען נישט אז די רבנים המתירים האבן ב"ה אויך בנין וחתנין רבנן? האבן דען די צד המתירים א פראבלעם מצרף זיין נאך חתימות פון רבנים וואס זענען משמש בהוראה אלץ דיינים בבית דינו פון הגה"צ מהר"י ראטה שליט"א? איז דען נישט דא צענדליגע רבנים וואס האבן גענומען שימוש בהוראה פון קארלסבורגער רב שליט"א אין משך פון די יאהרן, וואס זיין פסק הלכה איז ביי זיי גענוג הייליג, אז זיי זאלן זיך גערן מצרף זיין מיט זייער חתימה?

דער תירוץ אויף די אלע קשיות איז: "עבדים היינו"! ווער ווייסט נאך אזוי גוט דעם אמת, ווי א סאך פון די געחתמעטע רבנים אליין, וואס מ'האט מקיים געווען מיט זיי דעם "ואת הלחץ זו הדחק" זאלן אינטערשרייבן זייער נאמען, כדי מרבה זיין בחתימות.

ווי געהערט פון מאנכע רבנים און פון בני משפחותיהם, מיט וואס פאר א טאקטיקען און שקרים האט מען ארויס געצויגן זייערע חתימות. מ'האט זיי געזאגט אז "די און די" רבנים האבין שוין געחתמ'עט, כדי ארויס צו באקומען זייער חתימה, בשעת די אנדערע רבנים האבן בכלל נישט געהאלטן ביים חתמענען. גלייכצייטיג האבן זיי דאס זעלבע געטועט מיט די אנדערע רבנים, זאגענדיג פאר זיי אז "דער און דער" האט שוין געחתמ'עט. על דרך זה האבן זיי ארויס געצויגן רוב פון די חתימות האוסרים. סאיז נישט קיין סוד, די גאנצע שטאט ווייסט, אז די צד האוסרים האבן כמה וכמה פעמים געמוטשעט דעם ראחמעסטריווקע רבי'ן שליט"א, חאטש זיי האבן קלאר געוויסט אז ער האלט זיך נישט ביים אריינמישן אין דעם דאזיגן רבני'שע הלכה ענין. און אזוי האבן זיי אויך פראבירט צו טוען מיט דעם סקולענער רבי'ן שליט"א, און לעצטענס אויך ביים טאהש'ער רבי'ן שליט"א (וואס האט זיי קלאר געזאגט אז אויב ר' פישעלע הערשקאוויטש האט געפאסקענט אז מ'קען מטלטל זיין, קען מען זיך רואיג פארלאזן אויף איהם!). אזוי האבן זיי אויך געטוען במשך כמה פעמים מיט אב"ד קרית יואל שליט"א כידוע, ביז ער איז געצווינגען געווארן צו שרייבן זיינע פארווע

ווערטער. אגב, דעם לעצטען דאנערשטאג געמאכט איז אב"ד קרית יואל ארויף געבן א וויזיט ביים סערדאהעלע רב שליט"א. ווען דער ציבור וואלט געווען געוויסט וואס פאר א פרעשער מ'לייגט אויף רבנים, וואלטן זיך זייער האר אויפגעשטעלט פון קאפ.

בכלל ווי אומפארשעמט איז דאס אויסנוצן די שוואכקייט פון רבנים זקנים, ה' יאריך ימיהם ושנותיהם, ה' ירפאם ויחלימם ויתחדש כנשר נעוריהם, וואס מחמת שקפצה עליהם זקנה איז גרינג געוועו ארויס צו שלעפן פון זיי חתימות אדער פארגעשריבענע מכתבים, איידער זיי האבן געהערט די פאקטן און די דעה פון די צד המתירים, און שפעטער ווען זיי זענען דאס געוואר געווארן, האבן זיי געהאט גרויס צער וחלישות הדעת. אוי לאותה בושה.

אין די געלעגענהייט, איז אפשר וויכטיג אויפצודעקן דעם נאמען פונעם מכתב "בלי שום" געדרוקט אינטער דעם קעפל "דעת גדולי ומנהיגי דורינו שליט"א" אין דעם נייעם קונטרס "גילוי דעת". מיר האבן זוכה געווען צו זעהן דעם כתי"ק פון דעם דאזיגן בריעוו, אזוי אז מיר קענען קלאר באשטעטיגן אז דער כותב דערפון איז נישט מער און נישט ווייניגער ווי דער בעקאנטער מבזה ת"ח ומכנה שם גנאי להרבנים גאו"צ "ראבאיי געלסקי" הידוע פון פלעטבוש. הגם זיין דעת איז אונז גאר ווייניג מחייב. אבער לשיטתם פון די מנגדי העירוב, שרייט ארויס די געוואלדיגע קשיא, וואס שעמט איר אייך אזוי מיט זיין "כבוד שם תפארתו"? ובפרט ווען איר רעכענט איהם אלץ איינער פון זייערע "גדולי ומנהיגי דורינו שליט"א"???

## נהרא נהרא ופשטיה

יעצט וועלן מיר צוריק גיין לענינינו ממשיך זיין מיט'ן סדר. אזוי ווי רוב תושבי בארא פארק קענען און שטאמען פון חסידישע קרייזן. אין רובא דרובא פון די שטעט און שטעטלעך וואו אבותינו ואבות אבותינו ורבותינו האבין געוואוינט, איז געוועו אן עירוב מיט א צורת הפתח. רוב פון דעם חרדישן ציבור האבן זיך סומך געווען אויפ'ן שו"ע און געטראגן. עס איז געווען א זעלטענע וואס האבן "אויף זיך" מחמיר געווען, ווייל ווי נישט ווי, איז נישט פארהאנען קיין עירוב אין דער וועלט ס'זאל זיין אויסגעהאלטן ממש לכל הדיעות. **דער הייליגער בני יששכר זי"ע האט געהאלטן אז ס'איז גאר א מצוה צו טראגן**, לאפוקי מן הצדוקים וואס האבן נישט מודה געווען בעירוב. **דער הייליגער שינאווער רב בעל דברי יחזקאל זי"ע, האט געהאלטן אז דער וואס איז מחמיר נישט צו טראגן הייסט גאר א "הדיוט"**. (הגהת בנו הגה"ק בעל "דברי שלום" מסטראפקוב על ס' חיי אדם).

רבי חיים וויטאל זי"ע שרייבט אין ספר שער הכוונות, אז זיין רבי דער אר"י הקדוש איז שבת אינדערפרי ארויס פון זיין שטוב מיט דעם טלית און דעם חומש אין זיין האנט, און ער האט זיי מיט גענומען מיט זיך ביז צו זיין באקאנטע מקוה.

לעומת זה, דער ווילנער גאון זצוק"ל האט זיך נוהג געווען נישט מטלטל צו זיין בעירוב. דער משכנות יעקב פון קארלין, א תלמיד פון גאון ישראל רבי חיים וואלאזינער זצ"ל, האט נישט געהאלטן פון מטלטל זיין בעירוב, פון איהם איז ווייטער נמשך געווארן עכ"פ ביי א חלק פון די ליטווישע וועלט בהמשך הדורות, די נאטירליכע קעגענשאפט צום גאנצן ענין פון עירוב.

ווער סאיז מעיין אין די תשובה פון משכנות יעקב, וועט זיך קלאר איבערצייגן, אז לויט איהם האבן אבותינו ורבותינו נישט געטארט טראגן במקומות מושבותיהם וויבאלד סאיז געוועו גאסן מיט די ברייט פון ט"ז אמה.

## עדות נאמנה

רעדענדיג דערפון, איז אינטערעסאנט צו דערמאנען אן עדות נאמנה וואס איז געהערט געווארן ביי די אסיפת הרבנים, וואס איז פארגעקומען ביום ד' ויגש אין סערדאהעלע ביהמ"ד, ווי הגאון הגדול מזקני ראשי הישיבות רבי טובי' גאלדשטיין שליט"א דער ראש ישיבה עמק הלכה, האט פארציילט פאר די צענדליגע רבנים הנאספים, אז בערך 37 יאהר צוריק, האט הרב הגאון ר' יוסף דוד מאסקאוויטש פון שאץ זצ"ל וואס האט דאן געוואוינט אין דער איסט סייד, געשיקט בריעוו מודיע זיין די רבנים, אז היות אז ער האט זוכה געווען איבער צו לעבן די מלחמה, וויל ער מתקן זיין אן עירוב אין דער איסט סייד, אין אויב עמיצער פון די רבנים האט דערויף א התנגדות, זאל ער מודיע זיין טעמו ונימוקו בכתב ביז 10 טעג. איידער דער זמן איז אנגעקומען, איז גערופן געווארן אן אסיפת הרבנים, אבער איך (פארציילט הגאון ר' טובי' שליט"א) האב עפ"י סיבה זיך נישט געקענט באטייליגן. צו מארגענס האב איך געהערט מפי הגאון רבי משה (פיינשטיין) זצ"ל, אז ער איז געוועו זייער צוקאכט ביי די אסיפה. ר' משה האט מיר פארציילט, אז ר' אהרן (קאטלער זצ"ל) האט זיך אוועק געשטעלט ביים שטענדער, אויף געמאכט דעם משכנות יעקב, און פארגעליינט א ליסטע פון ראשונים וואס לויט זיי טאר מען קיין עירוב נישט מאכן. האט ר' משה פארציילט אז "איך האב מיך זייער אויפגערעגט. וואס קומט ער (הגאון ר' אהרן זצ"ל) מיט א משכנות יעקב? דער מחבר (דער שו"ע) האט אויך געוויסט פון די אלע ראשונים, פונדעסטוועגן האט דער מחבר נישט געפאסקנט ווי זיי". עכ"ל הגר"מ פיינשטיין זצ"ל מפי תלמידו יבלח"ט הגאון רבי טובי' שליט"א. (למעשה האט רבי משה זצ"ל נישט מתיר אין דער איסט סייד צוליב גאר אן אנדערן טעם, כמבואר בתשובותיו).

פון דעם זעהן מיר קלאר, אז אויך דעתו הגדולה פון רבי משה זצ"ל (אלץ גרויסער פוסק פון דור) איז געווען, אז מ'קען נישט אסר'ן אן עירוב צוליב די שיטה פון משכנות יעקב. ווידער דער כרוז לאיסור העירוב במאנהעטן וואס איז ארויס געקומען בשנת תשכ"ב, באטאהנט קלאר אז ער איז ארויסגעגעבן געווארן "ביוזמתו של הגאון רבי אהרן קאטלער" זצ"ל.

הגאון הגדול רבי טובי' גאלדשטיין שליט"א איז א תלמיד מובהק פון הגאון רבי אלחנן וואסערמאן זצ"ל, און אויך א תלמיד חבר פון הגאון רבי משה זצ"ל במשך איבער צוואנציג יאהר. ביי די דאזיגע אסיפת הרבנים אין ביהמ"ד סערדאהעל, האט הגאון ר' טובי' שליט"א פארציילט בנוגע ר' משה'ס תשובה לגבי ברוקלין, אז ער האט געטענה'עט מיט ר' משה'ן זצ"ל אז פונעם מגן אברהם מיט'ן טורי זהב איז קלאר משמע נישט ווי ער האט געלערנט. האט איהם ר' משה זצ"ל גיענפערט, איך ווייס אז איך לערן אנדערש פשט פון די וועלט, רבנים מובהקים וואס וועלן זעהן מיין תשובה און וועלן נישט מסכים זיין מיט מיר, האבן זיי אויף וואס זיך צו פארלאזן. איך פארשטיי אזוי, און דערפאר קען איך זיך נישט מצרף זיין צום היתר העירוב, אבער אויב זיי וועלן זעהן מיין תשובה און מחולק זיין מיט מיר, הרשות בידם און איך וועל נישט מוחה זיין". עכ"ל מפי תלמידו יבלח"ט הגאון רבי טובי' שליט"א. (כמבואר כל זאת להדיא בכמה מתשובתיו באג"מ, ודלא כפי שפירסמו מזכירות אגוה"ר בשמו בצירוף חתימתו, עי' תשו' אג"מ חלק יו"ד ג' סי' קס"ב, ודו"ק)

נאך האט הגאון ר' טובי' שליט"א פארציילט ביי די דאזיגע אסיפת הרבנים אין סערדאהעלע ביהמ"ד, אז סאיז בשום אופן נישט קיין פחיתות הכבוד קעגן ר' משה זצ"ל אויב מ'איז מחולק מיט איהם אין הלכה (כמובן לש"ש ולא ע"מ לקנטר ח"ו). ער האט א ראי' געברענגט דערצו פון א פסק אין תשובת אג"מ ח"ד סי' פ"ח ווי ער שרייבט אז אדרבה דאס בערנגען דעם דעת הגדול און מפלפל זיין

בדבריו, אפי' אז דער מסקנא להלכה וועט זיין פארקערט, דאס איז אין כלל פון "שפתותיו דובבות בקבר" און עס איז קיין שום פחיתות הכבוד נישט לאותו גדול עיי"ש. (אגב, בסוף האסיפה, ובמעמד צענדליגע רבנים האט זיך הגאון ר' טובי' מצרף געווען צו די רבנים המתירים [אדער ריכטיגער "המחייבים"] להרחיב גבולי הקדושה ע"י תיקון צוה"פ סחור סחור [סביב] כל שכונתינו החרדית בארא פארק.)

## אנן בדידן ואינהו בדידהו

נחזור לענינינו, דער צד המתירים איז איבערהויפט נישט פאראינטערעסירט משפיע צו זיין אויף תלמידי הגר"א קאטלער זצ"ל וואס זענען נמשך נאך די וואלאזינער מסורה (במלחמתה של תורה בין המשכנות יעקב ובין הבית אפרים, שיש בזה ענינים שאין עת האסף פה) התולים עצמם באילן גדול של המשכנות יעקב, מחזק און מקיים זיין די חומרא פון ווילנער גאון זצוק"ל. אבער מאידך גיסא, דארף'ן זיי אויך וויסן און פארשטיין, אז סאיז אויך פאראנען אן אנדערע מסורה בישראל, וואס איז אנגענומען סיי ביי חסידים אין סיי ביי יוצאי בית מדרשו של מרן החת"ס זי"ע (וועלכע איז אויך אנגענומען געווען ביי הגר"מ פיינשטיין זצ"ל, ווי אויך ביי הגאון בעל החזון אי"ש זצ"ל), וואס במשך דורות האבן זיי זיך סומך געווען אויף הגאון הגדול מופת הדור רשכבה"ג בעל "בית אפרים" פון בראד (גאליציען), ווי ער עפ"י דרכו בדרך לימודו וכח תורתו האט משיג געווען מיט שטארקע השגות דעם משכנות יעקב, כדי מחזק ומקיים צו זיין דעם פסק פון שו"ע אין די נו"כ, ומפיו אבותינו ואבות אבותינו אנו חיים, וממימיו אנו שותים, עד ביאת גוא"צ בב"א.

## ילמדינו רבינו

יעצט, פארשטייען מיר שוין, פארוואס ווערט נישט דערמאנט אין דעם "גילוי דעת" א לשון פון "איסור" לטלטל. ווייל אונזערע רבנים האלטן קלאר, אז עפ"י הלכה איז נישט דא דערויף קיין שום איסור כלל וכלל.

אלא מאי? וואס יא?

מיר האבן געליינט און געזוכט צווישן די שורות, אבער די וואס האבן געחתמ'עט אויפ'ן גילוי דעת האבן נישט מגלה געווען זייער טעם. "לא לטלטל" און פארטיג. אהן קיין שום טעם!

יעצט, פארשטייען מיר אויך, פארוואס אין דעם נוסח פון גילוי דעת ווענדן זיך די חותמים בלשון "בקשה" לבני קהילתם. ווייל די חשוב'ע רבנים פארשטייען אליין, אז מ'קען בשום אופן נישט גוזר גזירה זיין אויף דעם גרויסן חשוב'ן ציבור פון בארא פארק, אהן מטריח זיין צו זאגן א טעם. ס'איז פשוט נישט מעגליך. בארא פארק פארמאגט ב"ה טויזנטער בני תורה, כולל יונגעלייט, וואס פרעגן הויך: ילמדינו רבינו... מהיכן דנתנו... וועגן דעם, ווי פריער געזאגט, האבן די רבנים זיך געווענדן בלשון בקשה - לבני קהילתם - הסרים למשמעתם. נו! אויף דעם קען מען דאך נישט קומען מיט קיין טענות...

נאך מער איז אבער איבערגעבליבן צו פארשטיין, די רבנים (פון די וואס האבן זיך נישט מצרף געווען מיט זייער חתימה צו דעם שטענדיגן גילוי דעת, נאר געשריבן אייגענע בריעוועז), וואס פון זייערע ווערטער דערהערן מיר צוויי טעמים: א) פירצות בחומת הצניעות. ב) בית דין קבוע.

אויב דאס זענען טאקע די טעמים פון די רבנים וואס האבן געחתמ'עט אויפ'ן גילוי דעת, ליגט טאקע דערין א גרויסע חכמה וואס זיי האבן דאס נישט אויסגעזאגט!!! אבער דער ציבור איז אזוינס נישט מסוגל צו פארשטיין. דער חשוב'ער בארא פארק'ער ציבור, בני תורה, כולל יונגעלייט, ווילן ביטע פארשטיין:

א) פירצות בחומת הצניעות - איז דען בארא פארק ערגער למשל פון פאריז? די אלטע בעקאנטע שטאט פון זוהמא ר"ל. אינטערסאנט, ווי די גדולי ישראל פון די פריערדיגע דורות האבן דן געווען מתיר צו זיין דארטן דעם טלטול, און ס'איז זיי נישט איינגעפאלן אז צוליב צניעות זאל מען דארטן מונע זיין דעם תיקון העירוב? איז דען בארא פארק ערגער למשל פון אנטווערפען? וואס מ'האט דארט מתקן געווען אן עירוב, מיט די גוטהייסונג און תמיכה פון הרה"ק צ"ע רבי יענק'לע מפשעווארסק זצוקלה"ה?

צווישן די בארא פארק'ער רבנים, פארמאגן מיר איינער וואס איז בעקאנט אין די גאנצע וועלט מיט זיין גוואלדיגע בקיאות, מיט זיינע געוואלדיגע נוצבארע חיבורים "נטעי גבריאל" וואס געפונען זיך ביי אלע רבנים איבער די וועלט. זיינע אויגן האבן שוין דורך געקוקט טויזנטער תשובות ספרים פון גדולי הדורות. הגאון הרב ציננער שליט"א שרייבט במכתבו (געדרוקט אין קונטרס דע"ת) אז ער האט נאך נישט געטראפען אין שום תשובה ספר, און אויך אין קיין איין קונטרס בעניני עירובין, אזא מין חשש - פון א פירצה! איז דען דאס נישט א געוואלדיגע וואונדער? דער תירוץ איז: ניין! די סארט חששות ופירצות געשפרעך קעגן תיקון עירובין, איז קעגן חז"ל.

ב) ב"ד קבוע - מה נשתנה בארא פארק פון מאנסי? למשל? האט דען דער וואודיסלאווער רב זצ"ל מוחה געווען קעגן תיקון העירוב אין מאנסי? די המצאה פון ב"ד קבוע, איז דאך ממש לעצטענס נולד געווארן, מיט די מח-איבערוואשונגען פון דעם בעקאנטן היסטאריע-איבער-שרייבער דער אזוי גערופענער הרב ישראל מ. סופר אין זיינע סעריעס וואס זענען געדרוקט געווארן אין דער אומפארטייאישער "די צייטונג". אגב, חשוב'ע רבנים זענען נאך געגאנגען מברר זיין ביי אסאך פון די נעמען פון זיינע מקורות, און זענען געשטאונט געווארן פעסטצושטעלן אז זיינע אינפארמאציעס זענען אזוי אמת פונקט ווי דער נאמען ישראל מ. סופר איז אמת).

דער תירוץ דערויף איז, אז דער עירוב איז נישט קיין "בן יחיד" וואס דארף שטיין אונטער דעם רב דמתא, אדער א "בי"ד קבוע" ווי זיי רופען דאס. שחיטה און מקואות זענען אויך אלעמאל געווען אונטער דער מרא דאתרא'ס אחריות. אזוי ווייט אז אויב ס'האט זיך געמאכט אז ס'איז אריינגעקומען פלייש פון א פרעמדע שטאט אפילו אויב דער יעניגער רב פון דעם פלאץ ווי דאס פלייש איז גע'שחט'ן געווארן איז געווען א גרעסערע צדיק אין מער מפורסם בחסידות ווי די היגע רב, אעפ"כ האט מען דאס פלייש נישט געטארט עסן, רופן'דיג דאס "שחוטי חוץ". היינט בזמנינו האבן מיר טאקע נישט קיין רב דמתא, אבער אויף דעם זעלבן אופן ווי מיר קענען זיך פארלאזן לגבי די כשרות הבשר וכשרות המקוואות, אהן א בי"ד קבוע, אזוי אויך קענען מיר און דארפן מיר זיך פארלאזן אויף דעם פיקוח פון רבנים מובהקים וואס קאנטראלירען די כשרות העירוב מידי שבוע בשבוע.

## דעת הגה"ק מסאטמאר זי"ע

לעצטענס ווערט איינגעפלאנצט און פארשפרייט א "תורה חדשה" בדעת כ"ק אדמו"ר הגה"ק מסאטמאר זי"ע, כאילו ער איז געווען נגד תיקון עירוב בברוקלין בכל גווני, וואס די צד האוסרים האבן געשאפן דעם דאזיגן בלבול הדעת און דעם צעמישעניש ביים ציבור. דערפאר ליגט א חובה קדושה צוריק קלאר צו מאכן זיין אמת'דיגן דעת תורה, קעגן די וואס זענען ליידער מסלף דברי צדיקים זי"ע.

א) כ"ק אדמו"ר מסאטמאר זי"ע איז בשום אופן נישט געווען איינשטימיג מיט די ראשי הישיבות וואס האבן געהאלטן אז ברוקלין האט א דין פון רשות הרבים דאורייתא. ער האט דאס קלאר געזאגט ביי עטליכע פון זיינע שיעורים, ווי אויך ווערט דאס מפורש געברענגט אין ספר "פסקי דברי יואל" וואס איז לעצטענס געדרוקט געווארן.

אדרבא, ווי מיר זענען געווער געווארן פון פארלעסליכע קוואלן, אז דעם כרוז פון די

